בס"ד

אמור תשפ"ו

גליון 280

# דעם רבינ'ס ליכט

אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## אֲנַן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אִין דִי טֶעג פוּן עֶרֶב ל"ג בָּעֹמֶר. לִכְבוֹד דֶעם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן טָאג, וֶועלְן מִיר אֲרָאפְּבְּרֶענְגֶען דֶער מוֹרָא'דִיגֶער הִסְתַּלְּקוּת וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַזֹּהַר אִין דִי חֵלֶק וָואס הֵייסְט "אִדְּרָא זוּטָא". אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר אִיז מְסוּגָּל צוּ מַאכְן חֵשֶׁק אוּן גְלוּסְטֶענִישׁ צוּ אַלֶע סָארְטְן לִמּוּדִים פוּן דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, דֶער הֵיילִיגֶער לָשׁוֹן טוּט זֵייעֶר עֲרֶוֶועקְן צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז אֲפִילוּ זָאגְן זֹהַר אָן פַארְשְׁטֵיין אִיז זֵייעֶר מְסוּגָּל.



תָּאנָא, בְּהַהוּא יוֹמָא דְּרַבִּי שִׁמְעוֹן בָּעָא לְאִסְתַּלְּקָא מִן עָלְמָא, וַהֲוָה מְסַדֵּר מִלּוֹי, אִתְכְּנָשׁוּ חַבְרַיָּא לְבֵי רַבִּי שִׁמְעוֹן, וַהֲווֹ קַמֵּיהּ, רַבִּי אֶלְעָזָר בְּרֵיהּ, וְרַבִּי אַבָּא וּשְׁאָר חַבְרַיָּא, וַהֲוָה מַלְיָא בֵּיתָא:

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט, אַז אִין דֶער טָאג וֶוען רַבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעוָואלְט נִסְתַּלֵּק וֶוערְן פוּן דֶער וֶועלְט, הָאט עֶר מְסַדֵּר גֶעוֶוען זַיינֶע רֵייד. דָאס מֵיינְט עֶר הָאט בַּאפוֹילְן זַיינֶע שְׁטוּב מֶענְטְשְׁן, וִוי דֶער סֵדֶר אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ גֵייט פוּן דֶער וֶועלְט. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ מְסַדֵּר גֶעוֶוען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ מְגַלֶּה זַיין אִין דֶעם טָאג.

דִי חֲבֵרִים הָאבְּן זִיךְ פַארְזַאמְלְט אִין רֶבִּי שִׁמְעוֹנ'ס הוֹיז צוּ הֶערְן פוּן אִים סוֹדוֹת הַתּוֹרָה אוּן צוּ זַיין בִּשְׁעַת עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט. עֶס זֶענֶען דָארְטְן גֶעוֶוען זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר אוּן רֶבִּי אַבָּא אוּן נָאךְ חֲבֵרִים, דִי הוֹיז אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט חַכְמֵי הַדּוֹר וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

זָקִיף עֵינוֹ רַבִּי שִׁמְעוֹן; רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אוּן גֶעזֶעהְן אַז דָאס הוֹיז אִיז פוּל מִיט בַּאזוּכֶער, הָאט עֶר זִיךְ צֶעוֵויינְט פַארְוָואס דִי שְׁכִינָה – וָואס פְלֶעגְט זִיךְ גֶעוֶוענְדְלִיךְ מְגַלֶּה זַיין מִיט פֵייעֶר – הָאט זִיךְ יֶעצְט נִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְט דֶערְפַאר הָאבְּן אַלֶע גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אָן רְשׁוּת. עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אַן אַנְדֶערְ'ס מָאל וֶוען אִיךְ בִּין קְרַאנְק גֶעוֶוען אִיז רֶבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר מִיר גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן, אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְטְס מְבָרֵר גֶעוֶוען בַּיי אֲחִיָּה הַשִּׁלוֹנִי הַנָּבִיא וואוּ מַיין פְּלַאץ וֶועט זַיין אִין גַּן עֵדֶן, הָאט עֶר צוּגֶעוַוארְט בִּיז יֶעצְט אוּן מֶען הָאט מִיר צוּגֶעגֶעבְּן יָארְן צוּ לֶעבְּן".

וֶוען אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן גַּן עֵדֶן אוּן גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן, אִיז זַייט דֶעמָאלְט אַלֶעמָאל גֶעוֶוען אַרוּם מִיר אַ פֵייעֶר אוּן זִיךְ קֵיינְמָאל אָפְּגֶעטוֹן, קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְקוּמֶען אִין מַיין שְׁטוּב נָאר מִיט רְשׁוּת, יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דָאס פֵייעֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוֹן, דֶערְפַאר אִיז דָאס הוֹיז פוּל מִיט בַּאזוּכֶער.

ווִילַאנְג אַלֶע חֲכָמִים זֶענֶען דָארְט גֶעזֶעסְן הָאט רֶבִּי

שִׁמְעוֹן גֶעעֶפְנְט זַיינֶע אוֹיגְן צוּ זֶען גֶעטְלִיכֶע מַרְאוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען – דָאס מֵיינְט גִלּוּי שְׁכִינָה – גְלַייךְ הָאט אַ פֵייעֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען אַלֶע חֲכָמִים וָואס זֶענֶען גֶעזֶעסְן אִין דָאס הוֹיז, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְנֶעמֶען דָאס פֵייעֶר אוּן אַלֶע חֲכָמִים זֶענֶען אַרוֹיס, עֶס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן נָאר רֶבִּי אֶלְעָזָר אוּן רֶבִּי אַבָּא אַלֵיין, אַלֶע אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים זֶענֶען גֶעזֶעסְן אִינְדְרוֹיסְן אוּן דָארְט צוּגֶעוַוארְט צוּ זֶען וְויאַזוֹי עֶס וֶועט פָּארְקוּמֶען דֶער הִסְתַּלְּקוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

אָמַר רֶבִּי שִׁמְעוֹן לְרַבִּי אֶלְעָזָר בְּרֵיהּ - רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעזָאגְט צוּ זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר, גֵיי אַרוֹיס אוּן זֶע אוֹיבּ רֶבִּי יִצְחָק אִיז דָא, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ עֲרֵבוּת אִים מִיטְצוּנֶעמֶען מִיט מִיר אִין גַּן עֵדֶן, זָאג אִים עֶר זָאל בַּאפֶעלְן (לָאזְן צַוָּאָה) זַיין בְּנֵי בֵּית אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף טוּן פַאר מֶען שְׁטַארְבְּט, דֶערְנָאךְ זָאל עֶר זִיצְן לֶעבְּן מִיר, וַוייל וֶוער עֶס גֵייט אַרַיין אִין מַיין מְחִיצָה הָאט מֶער נִישְׁט קַיין רְשׁוּת אַרוֹיסְצוּגֵיין אוּן עֶר זָאל גָארְנִישְׁט רֶעדְן. וואוֹיל אִיז זַיין חֵלֶק, אַז עֶר אִיז זוֹכֶה מִיטְצוּגֵיין מִיט מִיר אִין גַּן עֵדֶן.

קָם רֶבִּי שִׁמְעוֹן – רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן לִכְבוֹד דִי שְׁכִינָה אוּן נִשְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעזֶעצְט, גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט צוּם אָנְקוּם פוּן דִי שְׁכִינָה. רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען עֶר זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן וֶוען עֶר גֵייט יֶעצְט מְגַלֶּה זַיין דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט פַאר זַיין חֵלֶק אוּן אַיינְגֶעלַאדְנְט דִי חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ דָארְט גֶעפִינֶען בַּיים אִדְּרָא צוּ הֶערְן דִי סוֹדוֹת וָואס עֶר גֵייט מְגַלֶּה זַיין.

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר מְגַלֶּה גֶעוֶוען גֶעוַואלְדִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע סוֹדוֹת.

אָמַר רֶבִּי אַבָּא: "דֶער הֵיילִיגֶער לִיכְט – רֶבִּי שִׁמְעוֹן – הָאט נִישְׁט אָנְגֶעיָאגְט צוּ עֶנְדִיגְן דָאס וָוארְט חַיִּים פוּן פָּסוּק "כִּי שָׁם צִוָּה ה' אֶת הַבְּרָכָה", וַוייל פוּן הִימְל הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעהַאלְטְן פוּן זָאגְן דָאס וָוארְט חַיִּים", זָאגְט וַוייטֶער רֶבִּי אַבָּא: אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט הֶערְן נָאךְ תּוֹרָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן שְׁרֵייבְּן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט גֶעהֶערְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן מַיין קָאפּ צוּ זֶען פַארְוָואס עֶר רֶעדְט מֶער נִישְׁט, וַוייל דָאס פֵייעֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, בִּיז אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּקְן דָארְט וואוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען, אִינְצְוִוישְׁן בִּין אִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶעשׁוֹידֶערְט גֶעוָוארְן וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ



קוֹל פוּן אוֹיבְן וָואס רוּפְט אוֹיס "אֹרֶךְ יָמִים וּשְׁנוֹת חַיִּים וְשָׁלוֹם יוֹסִיפוּ לָךְ", דֶערְנָאךְ אִיז אַרוֹיס נָאךְ אַ קוֹל: "חַיִּים שָׁאַל מִמְּךָ".

בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן טָאג הָאט דָאס פֵייעֶר זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעטוֹן, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיינֶער וָואס זָאל זִיךְ דֶערְוַוייגְן צוּצוּגֵיין זֶען וָואס עֶר גֵייט פָּאר מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן, וַוייל דָאס פֵייעֶר אוּן לִיכְט הָאבְּן גֶעבְּרֶענְט דֶעם גַאנְצְן טָאג.

מִיר זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן פוּן גְרוֹיס צַעַר: אַזוֹי זָאגְט רֶבִּי אַבָּא.

וֶוען דָאס פֵייעֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוֹן הָאבְּן מִיר גֶעזֶען

אַז דֶער גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער לִיכְט אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, מִיר הָאבְּן אִים גֶעזֶען אֵיינְגֶעוִויקֶלְט אִין אַ טַלִית אוּן עֶר הָאט שְׁמֵייכְלְט.

אַסַאךְ תַּלְמִיד חֲכָמִים זֶענֶען אִים גֶעקוּמֶען גֶעבְּן דֶעם לֶעצְטְן כָּבוֹד. עֶס אִיז אַרוֹיס פוּן הוֹיז גָאר שְׁמֶעקֶעדִיגֶע רֵיחוֹת פוּן דִי בְּשָׂמִים פוּן גַּן עֵדֶן וֶועלְכֶע אִיז גֶעקוּמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים פוּן גַּן עֵדֶן וָואס הָאבְּן אִים מְקַבֵּל פָּנִים גֶעוֶוען. עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ קְרִיגֶערַיי צְווִישְׁן דִי גִבּוֹרִים פוּן צִפּוֹרִי וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעוָואלְט מִיט כֹּחַ אַוֶועקְנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע מִטָּה צוּ זֵייעֶר דֶערְפֶל, אוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן מִירוֹן הָאבְּן זֵיי אַוֶועקְגֶעשְׁטִיפְּט אוּן זֵיי אָנְגֶעשְׁרִיגְן.

כְּדֵי אָפְּצוּשְׁטִילְן דִי קְרִיגֶערַייעֶן הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעמַאכְט אַן אָפֶּענֶער נֵס אַז דִי בֶּעט פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז אַרוֹיף אִין דִי לוּפְטְן אוּן דִי מַלְאָכִים הָאבְּן דָאס גֶעטְרָאגְן בַּאגְלֵייט מִיט אַ פֵייעֶר זוֹיל. עֶס אִיז דַאן אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס אַלֶע הָאבְּן גֶעהֶערְט: "עוּלוּ וְאָתוּ וְאִתְכַּנְשׁוּ לְהִילוּלָא דְּרַבִּי שִׁמְעוֹן - קוּמְט אַלֶע זִיךְ פַארְזַאמְלֶען אֲפִילוּ דִי רְחוֹקִים צוּ דִי שִׂמְחָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן!"

# איין אשה'לע

לְכָבוֹד דִי מַעֲרֶכֶת פוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט. קוֹדֶם וִויל אִיךְ בַּאדַאנְקְן פַאר דִי הֶערְלִיכֶע גִלְיוֹן יֶעדֶע וָואךְ. מַיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער קְרִיגְן זִיךְ יֶעדֶע וָואךְ וֶוער עֶס זָאל עֶס קוֹדֶם לֵיינֶען. אִיךְ וִויל מִיטְטֵיילְן אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט מַיין טַאטֶע.

נָאךְ אַ לַאנְגֶע צַייט פוּן מוּטְשֶׁענִישְׁן אוּן אַסַאךְ תְּפִלּוֹת, אִיז אִין אַ מַזָל'דִיגֶע שָׁעָה גְרֵייט גֶעוָוארְן דִי דִירָה'לֶע וָואס מַיין טַאטֶע הָאט אִינְוֶועסְטִירְט. יֶעצְט הָאט עֶר גֶעדַארְפְט טְרֶעפְן אַ שׂוֹכֵר וָואס זָאל דִינְגֶען דִי דִירָה. מַיינֶע בְּרִידֶער הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן, ס'אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע פַארְלַאנְג פַאר דִירוֹת אִין גֶעגְנְט אוּן מֶען וֶועט זִיכֶער אוֹיסְכַאפְּן דִי דִירָה.

יָא, זִיכֶער אִיז גָארְנִישְׁט נָאר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער...

מֶען הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַן אַנָאנְס אִין דִי בְּלֶעטֶער אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְלִינְגֶען אִין דִי מַאסְן. בָּרוּךְ הַשֵּׁם. מֶען הָאט אָפְּגֶערֶעדְט אַ צַייט וֶוען יֶעדֶער קֶען קוּמֶען זֶען דִי דִירָה. כָּל הַקּוֹדֵם זָכָה.

אִין דֶעם בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אַ קְבוּצָה מֶענְטְשְׁן. מַיין בְּרוּדֶער וִויל עֶפֶענֶען דִי טִיר. אוּפְּססס... ס'עֶפְנְט זִיךְ נִישְׁט. דֶער בּוֹיעֶר הָאט פַארְשְׁלָאסְן דִי טִיר אוּן עֶר גִיבְּט נִישְׁט אַרוֹיס דֶעם שְׁלִיסְל בִּיז וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט פַארְהַאנְדְלֶען. דֶער עוֹלָם אִיז אַהֵיים אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ פָּארְן פוּנְדֶערְוַוייטְנְס אוּן זֶענֶען גֶעוֶוען בְּרֹגֶז אוֹיף דֶעם וָואס מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן זֵיי. ס'גֶעוֶוען נִישְׁט קַיין בַּא'טַעמְ'טֶע מַעֲשֶׂה...

אַ קוּרְצֶע צַייט שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ בַּאקוּמֶען דֶעם שְׁלִיסְל. מֶען הָאט נָאכְאַמָאל אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַן אַנָאנְס אִין דִי בְּלֶעטֶער. אֵיינְס-צְווַיי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעקְלוּנְגֶען. בֵּיידֶע הָאבְּן

אָנגֶעהויבְּן צוּ דְרֵייעָן אַ קָאפּ און מוּטְשֶׁען מִיט פָּאדֶערוּנְגֶען - אַרוֹיף און אַרָאפּ... מַיין טַאטֶע הָאט זֵייעָר נִישְׁט גֶעהַאט חֵשֶׁק צוּ הַאנְדְלֶען מִיט קַיין אֵיינְס פוּן זֵיי.

מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי. יֶעדְן טָאג וָואס דִי דִירָה'לֶע שְׁטֵייט לֵיידִיג אִיז אַ גְרוֹיסֶע הֶפְסֵד. דִי הַשְׁקָעָה הָאט שׁוֹין אָפְּגֶעקָאסְט שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער און מַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעוָואלְט זֶען מְסֻדָּר אִין דֶעם עֵסֶק.

תְּפִלָּה. אָה, וִוי הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקְלֶערְט פַּארְדֶעם? יָא, מֶען הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען, אָבֶער מִיט קַאלְטְקַייט. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶער גֶעוָואלְט אוּנְזֶער וַוארִימֶע תְּפִלָּה. מַיין מַאמֶע הָאט אָנְגֶעהויבְּן צוּ הֵייס מִתְפַּלֵּל זַיין אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל צוּשִׁיקְן אַן אָרְנְטְלִיכֶער קוֹנֶה וָואס וֶועט צָאלְן עֶרְלִיךְ דִי חוֹדֶשְׁ'לִיכֶע צָאלוּנְג און וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי דִירָה אַז ס'זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זַיין קַיין נְזָקִים.

***

"נוּ, יַאג זִיךְ צוּ, דַיין טֶענְדֶער קוּמְט שׁוֹין בַּאלְד. דוּ ווילְסְט פַארְשְׁפֶּעטִיגְן?" הָאט פְרוֹי וַויינְבֶּערְג גֶערוּפְן צוּ חַיִּים מֹשֶׁה. "וָואס נֶעמְט אַזוֹי לַאנְג? דַיין חֵדֶר אִיז וַוייט, אוֹיב דוּ וֶועסְט פַארְשְׁפֶּעטִיגְן וֵויס אִיךְ נִישְׁט וָואס מֶען וֶועט טוּן..."

חַיִּים מֹשֶׁה הָאט אָבֶער זִיךְ פַּארְ'חָלוֹמְ'ט אִינְמִיטְן. דִי קַארֶעלֶעךְ און מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ זֶענֶען אִים גֶעוֶוען ווִיכְטִיגֶער וִוי כַאפְּן אַ טֶענְדֶער בַּאצֵייטְנְס. און עֶר הָאט טַאקֶע פַּארְשְׁפֶּעטִיגְט.

מֶען וֶועט מוּזְן רוּפְן אַ דְרַייוֶוער.

"אַ גוּטְן, אִיךְ קֶען הָאבְּן אַ קַאר פוּן רְחוֹב רַבִּי עֲקִיבָא?"

"דֶער סֶעקְרֶעטָאר אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן זַייט הָאט אָנְגֶענוּמֶען דֶעם בַּאשְׁטֶעלוּנְג און הָאט אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט אַ דְרַייוֶוער צוּם אַדְרֶעס.

חַיִּים מֹשֶׁה קוּמְט אַרוֹיס אִין בַּאגְלֵייטוּנְג פוּן זַיין טַאטֶע, ר' שִׁמְעוֹן.

"אַ גוּט יָאר ר' יוֹאֵל, וָואס מַאכְט מֶען עֶפֶּעס?" ר' שִׁמְעוֹן בַּאמֶערְקְט אַז דֶער דְרַייוֶוער אִיז נִישְׁט קַיין צְוֵוייטֶער וִוי זַיין גוּטֶער יְדִיד.

זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט און ר' שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט אַז זַיין זוּנ'ס חֵדֶר אִיז זֵייעָר וַוייט און עֶר זוּכְט אַ דִירָה נֶענְטֶער. חוּץ וָואס עֶר וָואלְט זִיךְ שׁוֹין גֶעמֶעגְט עֶרְלוֹיבְּן אַ גְרֶעסֶערֶע דִירָה פַאר זַיין פַארְגְרֶעסֶערְטֶע פַאמִילְיֶע.

"מַיין פֶעטֶער הָאט אַ דִירָה וָואס אִיז גְרֵייט זִיךְ אַרַיינְצוּצִיעֶן," הָאט עֶר אִים גֶעמָאלְדְן.

ר' שִׁמְעוֹן הֶערְט און פַארְצֵייכְנְט זִיךְ דִי פְּרָטִים. צְוֵויי שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי מַיין טַאטְנְ'ס דִירָה און בַּיינַאכְט הָאט מֶען גֶעשְׁלָאסְן דֶעם גֶעשֶׁעפְט!!!

הַפְלֵא וָפֶלֶא...

פוּן אַלֶע דְרַייוֶוער פוּן גַאנְצְן שְׁטָאט אִיז פּוּנְקְט אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִיד וָואס הָאט גֶעוואוּסְט פוּן מַיין טַאטְנְ'ס דִירָה, פּוּנְקְט אִין אַ מִינוּט וֶוען ר' שִׁמְעוֹן הָאט גֶעפְּלַאצְט אַז זַיין זוּן הָאט פַארְשְׁפֶּעטִיגְט דֶעם טֶענְדֶער!

און צוּ דֶעם אַלֶעם אִיז ר' שִׁמְעוֹן אַ בְּרֶעסְלֶבֶ'עֶר שׁוֹכֵר וָואס וֶועט זִיכֶער אָנְזַאפְּן דִי וֶוענְט מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס אוֹר.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען שַׁדְכָן...




*אין קורצן פון פריער:*

*רבי נתן באהעפט זיך צו רבי'ן יעדע מינוט וואס ער קען נאר. דער רבי פארט קיין מעדוועדיווקע צו חתונה מאכן זיין טאכטער, די צדיקת שרה'קע און רבי נתן פארט אים נאך. ער וויילט מיט'ן רבי'ן אויף פורים און איבער פסח. רבי נתן וויל זיך אריבערציען קיין נעמירוב צו זיין נאנט צום רבי'ן, אבער דער רבי האט פארשטאנען אז ס'איז בעסער ווען דער תלמיד וואוינט ווייט און האט א געוואלדיגע תשוקה צו קומען צו אים. די לעכצעניש פון א תלמיד איז זייער חשוב.*

אצינד לייגט ווייטער:

די ימי הספירה גייען אריבער אויף רבי נתן ווי א ברסלב'ער חסיד. די ספירת העומר ווערן געזאגט מיט גרויס צעקות און ברען. און אט האלט מען שוין ביי ערב שבועות.

דעם רבי'נס לייט האבן געהאט א מנהג צו קומען צו אים אויף שבועות. אזוי האט זיך רבי נתן צאמגענומען מיט די אנדערע חסידים און איז געפארן קיין ברסלב צו פראווען דעם געהויבענעם מתן תורה מיט'ן הייליגן רבי'ן. דאס איז געווען פאר רבי נתן זיין ערשטן שבועות אלס ברסלב'ער!

דער רבי האט אויפגענומען רבי נתן מיט ווארעמקייט אבער האט אים גלייך אהיימגעשיקט.

ער האט פארשטאנען אז פאר רבי נתנ'ס טובה איז בעסער ער זאל נישט איבערציען דאס שטריקל מיט זיין חשוב'ע רביצין. ער האט זיך דאך נארוואס אהיימגעקערט נאכ'ן זיין אונטערוועגנס כמעט צוויי חדשים, פון סוף שבט ביז נאך פסח. און דורכאויס דעם גאנצן ווינטער – אנגעהויבן פון דעם ערשטן טאג וואס רבי נתן איז נתקרב געווען יענעם היסטארישן ערב ראש השנה, איז רבי נתן אויך געווען אוועק פון שטוב פאר לאנגע וואכן.

אצינד האט דער רבי געוואלט אז רבי נתן זאל זיך אהיימקערן צו זיין רביצין, וועלכע האט שוין נישט געוואוינט אויף קעסט ביים שווער. רבי נתן מיט זיין רביצין האבן זיך געדינגען אן אייגענעם דירה'לע און זיך אליין געזארגט אויף פרנסה. און אז מיר געדענקן גוט, האט די רביצין געהאט א פיצל קינד וואס איז געבוירן חודש כסלו...

יענעם שבועות האט דער הייליגער רבי געזאגט צוויי מאל תורה; דעם ערשטן נאכט יום טוב האט דער רבי געזאגט די תורה אין ליקוטי מוהר"ן

סימן נ"א; און דעם צווייטן נאכט האט דער רבי געזאגט די תורה אין ליקוטי מוהר"ן סימן י"א.
נאך שבועות ווען רבי נתן איז געקומען צום רבי'ן צו משלים זיין וואס ער האט פארפאסט אין דעם הייליגן יום טוב, האט אים דער רבי איבערגעזאגט די תורה פון דעם ערשטן נאכט. א לאנגע צייט איז דער רבי געזעסן מיט רבי נתן און אים איבערגעזאגט געלאסן ווארט ביי ווארט מיט א פונקטליכקייט און רבי נתן האט דאס אלעס פארשריבן. די תורה פון צווייטן נאכט, האט דער רבי אליין פארשריבן.
פרנסה, אבער פארט, וואס איז דער תכלית?
עס זענען פארביי עטליכע וואכן און דער זומער האט זיך אנגערוקט. רבי נתן הארעוועט ווייטער אין עבודת השם אן אויפהער אז עס איז אים נישט פארבליבן קיין מינוט צייט זיך אפצוגעבן מיט די געשעפטן. רבי נתנ'ס טאטע האט איינגעזען אז באמת מיינט דאס זיין זון זייער ערנסט, ריין אינגאנצן לשם שמים. רבי נפתלי הירץ האט אים נאכגעקוקט און געזען אז זיין זון איז נישט סתם א מענטש ווי א צווייטער, נאר זיין גאנצע עבודה פון אנהייב ביזן סוף, סיי זיין פארן צו זיין רבי'ן אויף לאנגע וואכן, און סיי זיין געוואלדיגע התמדה ביים לערנען אז ער האט נישט קיין צייט צו ארבעטן, אזוי אויך זיין פלאקערדיגע דאווענען, איז אלעס פארן אויבערשטנ'ס וועגן. אויב אזוי, פארוואס אים סתם מוטשטען?
נאך א לאנגע צייט וואס רבי נפתלי הירץ איז געווען אומצופרידן פון זיין זון - זייט ער האט אנגעהויבן צו קלעפן צו חסידיי'שע רביים, האט ער אצינד אנגעהויבן צו מאכן שלום. ער האט מסכים געווען צוריקצוקערן די נדן פאר רבי נתן.
אבער צו די זעלבע צייט האט ער געבעטן פון די משפחה אז זיי זאל זען צו בעאיינפלוסן רבי נתן אז ער זאל טון ממש נאר א קלייניגקייט פאר פרנסה און די איבעריגע צייט קען ער לערנען און פראווען זיינע עבודות.
די משפחה זענען אויפגעקומען מיט א פלאן אז מען וועט עפענען א געשעפטל וואס די רביצין וועט פירן גענצליך אליין, רבי נתן וועט נאר דארפן פארן פון צייט צו צייט קיין בארדיטשוב איינצוהאנדלען די שטאפן. ריכטיג, ס'איז ביטול תורה די טעג וואס רבי נתן וועט פארן, אבער פון צווייטן זייט וועט ער די איבעריגע צייט קענען לערנען אומגעשטערט.
א גוטער פלאן...
אבער ווי אזוי געבט מען איבער דעם פלאן פאר רבי נתן? ער האט נישט געהאט קיין מינוט צייט ווען מען קען אים כאפן צו רעדן צו אים א ווארט. פון צופרי ביז ביינאכט איז רבי נתן געווען פארנומען מיט זיינע שיעורים און תפילות. ער האט קוים טועם געווען עפעס אן איבערבייס און שוין איז ער געווען צוריק אין ביהמ"ד.
זיין שוואגער איז אים עטליכע מאל געקומען באזוכן אין ביהמ"ד צו פארהאנדלען מיט רבי נתן. ער האט גערעדט צו אים איבער די קומענדיגע פלענער, און ווי ריכטיג דאס איז זיך אזוי צו פירן.
"ביסט דאך אזוי גערעכט," האט אים רבי נתן געענטפערט, אבער וואס קען מען פארט טון? עס וועט קומען א טאג וואס מען וועט ליגן ציט די פיס צו די טיר..."

# די גרויסע חתונה אין צידון

אַ רַייכֶע פָּארְפָאלְק הָאבְּן גְעווּאוֹינְט אִין דֶער שְׁטָאט צִידוֹן. זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע, גוּטֶע לֶעבְּן; אַ הֶערְלִיכֶער הוֹיז מִיט אַ גָארְטְן, גוּטֶע שְׁטַארְקֶע פֶּערְד מִיט אַ טֵייעֶרְן וָואגְן. עֶס הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעפֶּעלְט, נָאר אֵיין זַאךְ. וָואס הָאט זֵיי טַאקֶע גֶעפֶּעלְט? אֶפְשָׁר אַ וַואסֶער-פַּאל? אָדֶער אַ טַייעֶרֶע קַאר וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט דֶעמָאלְט גֶעוֶוען צוּ קוֹיפְן? נֵיין. זֵיי הָאבְּן נֶעבֶּעךְ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. זֵיי וואוֹינֶען שׁוֹין אִין דֶעם שֵׁיינֶעם הוֹיז מֶער פוּן צֶען יָאר אוּן דִי וֶוענְט זֶענֶען נָאכְנִישְׁט צֶעקְרִיצְט, סְ'אִיז נִישְׁט שְׁמוּצִיג, סְ'אִיז נִישְׁטָא וֶוער סְ'זָאל פַאְרשְׁמִירְן דִי בֶּענְקְלֶער!

אַזוֹי וִוי אִין דֶער תּוֹרָה שְׁטֵייט אַז וֶוען אַ פָּארְפָאלְק וואוֹינֶען צוּזַאמֶען צֶען יָאר אוּן הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער דַארְפְן זֵיי זִיךְ גֶטְ'ן, אִיז דֶער מַאן גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי, אַז עֶר וִויל זִיךְ גֶטְ'ן. זֵיי לֶעבְּן זֵייעֶר אַ פְרַיינְטְלִיכֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן אָבֶער...

רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס מִיטְלַייד מִיט זֵיי אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי פָּארְפָאלְק אַזוֹי: "אִיךְ וַויל אַייךְ בֶּעטְן אֵיין זַאךְ אוּן אִיר זָאלְט מִיר פָאלְגְן. אַזוֹי וִוי פַאר צֶען יָאר צוּרִיק וֶוען עֶנְק הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאט אִיר גֶעמַאכְט אַ שֵׁיינֶעם סְעוּדָה אוּן גֶערוּפְן אַלֶע קְרוֹבִים אוּן חֲבֵרִים, וִויל אִיךְ עֶנְק זָאלְן יֶעצְט אוֹיךְ - פַאר אַייךְ גֵייעֶן זִיךְ צֶעשֵׁיידְן - מַאכְן אַ שֵׁיינֶע רַייכֶע סְעוּדָה."

דָאס פָּארְפָאלְק הָאט טַאקֶע אוֹיסְגֶעפָאלְגְט דִי



וֶוערְטֶער אוּן זִיךְ גְלַייךְ גֶענוּמֶען גְרֵייטְן צוּ אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה צוּ פָאלְגְן דֶעם גְרוֹיסְן תַּנָּא. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען מַאכְט אַזַא רַייכֶע מָאלְצַייט פֶּעלְט דָארְט נִישְׁט קַיין וֵויין, דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶען אוּן דֶעם מַאן הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעשׁוֹינְט דִי גְלֶעזְלֶעךְ אוּן הָאט מֶער וִוי נָאר פַארְזוּכְט פוּן דִי גוּטֶע וֵויינֶען אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן בְּגִלוּפִין. זַיין שְׁטִימוּנְג הָאט זִיךְ גֶעהוֹיבְּן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ פוּס הֶעכֶער פוּן דֶער עֶרְד פוּן גְרוֹיס פְרֵייד. עֶר גֵייט צוּ זַיין וַוייבּ אוּן זָאגְט: "הֶער זִיךְ צוּ מַיין חֲשׁוּבֶ'ע וַוייבּ, פַאר מִיר גֵייעֶן זִיךְ גֶטְ'ן בִּין אִיךְ גְרֵייט דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְקְלַייבְּן דָאס בֶּעסְטֶע זַאךְ פוּן אוּנְזֶער שְׁטוּבּ, אוּן דוּ קֶענְסְט עֶס אַהֵיימְנֶעמֶען מִיט דִיר בַּיי דַיין טַאטְן אִין שְׁטוּבּ, אוּן מָארְגְן וֶועט מֶען גֵיין צוּם רֶבִּי'ן עֶרְלֶעדִיגְן דֶעם גֵט".

דֶער אִינְגֶערְמַאן פוּן גְרוֹיס בִּיטֶערְנִישׁ אַז עֶר גֵייט פַארְלִירְן אַ וַוייבּ, הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶען מִיט נָאךְ אַ כּוֹס וֵויין [וִוי דֶער סֵדֶר אִיז פוּן פַארְבִּיטֶערְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס שִׁיכּוֹרְ'ן זִיךְ אָן צוּ פַארְגֶעסְן פוּנֶעם מְצִיאוּת] אוּן וִוידֶער טְרִינְק עֶר נָאךְ אַ גְלֶעזְל בִּיז עֶר אִיז גֶעפַאלְן אִין חַלָּשׁוּת, קוֹים וָואס עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעשְׁלֶעפְּט צוּ אַ בֶּעט אוּן אַנִידֶער גֶעפַאלְן אוֹיפְן בֶּעט אִין אַ טִיפֶער שְׁלָאף.

דִי פְרוֹי הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי גֶעלֶעגְנְהַייט אוּן בַּאפוֹילְן אִירֶע קְנֶעכְט זָאלְן שְׁטַייטְלִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן דָאס בֶּעט אוּן אַרִיבֶּער פִירְן צוּ אִיר טַאטֶעס שְׁטוּבּ, וֶוען דֶער מַאן שְׁלָאפְט אַזוֹי טִיף. דִי קְנֶעכְט הָאבְּן אוֹיסְגֶעפָאלְגְט אִיר בַּאפֶעל וֶוען זִי בַּאגְלֵייט זֵיי

בִּיז אִיר טַאטֶעס שְׁטוּב. וֶוען דֶער מַאן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעניִכְטֶערְט פוּן דִי וֵויין אוּן קְרַאצְט זַיינֶע אוֹיגְן צוּ זֶען וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, פְרֶעגְט עֶר זַיין וַוייבּ: "מֵיין חָשׁוּבֶ'ע פְרוֹי וואוּ בִּין אִיךְ פַארְקְרָאכְן? אִין וֶועלְכֶע הוֹיז גֶעפִין אִיךְ זִיךְ?"

"אִין מַיין טַאטְנְס שְׁטוּב בִּיזְטוּ," אִיז גֶעוֶוען אִיר אַנְטְוָואַרְט.

"אָבֶער וִוי אַזוֹי קוּם אִיךְ דָא אַהֶער? וָואס זוּךְ אִיךְ דָא אִין דַיין טַאטְנְס שְׁטוּב?"



דִי פְרוֹי מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן עֶנְטְפֶערְט: "מַיין חָשׁוּבֶ'ער מַאן, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעפָאלְגְט אוּן גֶעטוּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט נֶעכְטְן בַּיי דִי סְעוּדָה, אִיךְ זָאל מִיר אוֹיסְקְלוֹיבְּן דָאס בֶּעסְטֶע זַאךְ אוּן דֶערְמִיט אַהֵיימְגֵיין צוּ מֵיין טַאטְן, דֶערִיבֶּער הָאט אִיךְ טַאקֶע דִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן וַוייל דוּ בִּיסְט דָאס בֶּעסְטֶע אוּן טַייעֶרְסְטֶע זַאךְ".

דֶער מַאן אִיז גֶעבְּלִיבְּן עֶרְשְׁטוֹינְט אוּן פַארְלוֹירְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן פַאר זַיין קְלוּגֶע פְרוֹי. צְוֵויי טְרֶערְן הָאבְּן זִיךְ בַּאוִויזְן אוֹיף זַיינֶע בַּאקְן, עֶר זִיצְט מִיט אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע אוֹיגְן בִּיז וֶוען דִי זוּן הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט.

צוּמָארְגְנְס וֶוען דָאס פָּארְפָאלְק זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן דֶער מַאן הָאט מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס הָאט פַּאסִירְט. רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט בַּאקוּמֶען גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף דֶער פָּארְפָאלְק אוּן הָאט זֵיי בַּאפוֹילְן צוּרִיק אַהֵיימְצוּגֵיין וואוֹינֶען צוּזַאמֶען בְּשָׁלוֹם אוּן הָאט זַיין גֶעגֶעבְּן אַ בְּרָכָה זֵיי זָאלְן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא, אוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר זֵייעֶרְט וֶועגְן. זַיין הֵיילִיגֶע תְּפִלָּה אִיז גֶעוֶוארְן אָנְגֶענוּמֶען אִין הִימְל אוּן זַיין בְּרָכָה אִיז מְקֻיָּם גֶעוֶוארְן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא שֵׁיינֶעם יוֹם טוֹב ל"ג בָּעֹמֶר. יֶעדֶער אִיד וואוּ אוּן וִויאַזוֹי עֶר הָאט גֶעפְּרַאוֶועט דֶעם גְרוֹיסְן טָאג הָאט זִיכֶער זִיךְ עֶפֶּעס מֶער דֶערְנֶענְטֶערְט צוּ אָט דֶעם גְרוֹיסְן תַּנָּא. לָאמִיר זִיךְ נֶעמֶען אֵיין נְקוּדָה אוּן זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז דֶער גְרוֹיסֶער תַּנָּא וִויל פוּן אוּנְז מִיר זָאלְן טוּן וֶועגְן אַהֲבַת חֲבֵרִים. דָאס אִיז יֶעצְט אוּנְזֶער אוֹיפְגַאבֶּע וָואס מִיר נֶעמֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם הֵיילִיגְן טָאג, צוּ זוּכְן וִוי מֶער צוּ זַיין נָאנְט מִיט דִי חֲבֵרִים. אֲפִילוּ אַ אִינְגְל פוּן דַיין חֵדֶר אָדֶער פוּן שׁוּל וָואס דוּ הָאסְט אִים שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג נִישְׁט גֶעגְרִיסְט, אָדֶער עֶס הָאט דִיר נִישְׁט גֶעפַּאסְט צוּ רֶעדְן צוּ אִים, יֶעצְט אִין אִין הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן סְפִירָה וֶוען מִיר אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַהֲבַת חִנָּם, רֶעדְט שֵׁיין צוּ דַיין חַבֵר, גֶעבּ אִים אַ גוּט וָוארְט, אַזוֹי אוֹיךְ צְווִישְׁן דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער, רֶעדְט מִיט אֵיין טָאן שְׁטִילֶער. בַּיים שַׁבָּת טִישׁ זוּךְ אוֹיף עֶפֶּעס אַ גוּטֶע נְקוּדָה אוֹיף דַיין קְלֵיין בְּרוּדֶער / שְׁוֶועסְטֶער וָואס פַארְפִירְן, אוּן גֶעבּ זֵיי אַ שְׁמֵייכְל.

דֶער עִיקָר אִיז צוּ בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת צוּ קֶענֶען פַארְמֶערְן לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וואוּ עֶס אִיז נָאר דָא קִבּוּץ פוּן

אִידְן זָאל זַײן שָׁלוֹם און דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעָן צְווישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועלְן מִיר זִיךְ שׁוֹין קֶענֶען רִישְׁן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲתוּנָה וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי כַּלָּה וֶועט שׁוֹין קֶענֶען צוּרִיקְגֵיין צוּם אִיר אֱמֶת'ער חָתָן אוֹיף אֵייבִּיג.

ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער אִין אַ שְׁמוּעֶס הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "פַאַרְוָואס הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי אַזוֹיפִיל מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין זַײן זַאךְ? וַוייל זַײנֶע תַּלְמִידִים הָאבְן גֶעהַאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אַהֲבָה צְווישְׁן זִיךְ!

דֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי זַײן בְּרוּדֶער דֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ, הָאט אִים ר' זוּשָׁא גֶעפְרֶעגְט: "זָאגְט מִיר נָאר מֵיילֶעך, דוּ טוּסְט אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער, אַזֶעלְכֶע מוֹפְתִים טוּט זִיךְ אָפּ בַּיי דִיר, גֶעוַואלְד אַזֶעלְכֶע פְּלָאִים"?! הָאט אִים דֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "צְווישְׁן מַיינֶע לַייט אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע אַהֲבָה, דֶערְפַאר קֶען אִיךְ טוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן"!

און ר' זוּשָׁא הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אֱמֶת, דָאס אִיז טַאקֶע אַזוֹי"!

רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט אַזוֹי מַצְלִיחַ גֶעוֶוען - וַוייל אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אַהֲבָה אִיז גֶעוֶוען צְווישְׁן זַײנֶע מֶענְטְשְׁן! אַז מֶען וִויל מַצְלִיחַ זַײן - דַארְף זַײן אַהֲבָה, צְווישְׁן חֲבֵרִים דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַצְלִיחַ!"

המשך פון די לעצטע זייט

# אַזוֹי וֶועסְטוּ גְרוֹיס וֶוערְן

זָאלְן וַוארְטְן אוֹיף דִיר."

"נֵיין, יַעְנְקִי, אִיךְ קוּם נִישְׁט," הָאט חֶזְקִי גֶעעֶנְטְפֶערְט. "אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק אוֹיסְצוּהֶערְן דֶעם שִׁיעוּר. אִין דִי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט לִיגְן בַּאהַאלְטְן הֶערְלִיכֶע אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע רְמָזִים וָואס קֶענֶען אוּנְז שְׁטַארְקְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם."

"נִישְׁט אֱמֶת, חֶזְקִי," הָאט יַעְנְקִי גֶעזָאגְט. "דָאס אִיז פַאר עֶרְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן. מִיר זֶענֶען נָאךְ קִינְדֶער, עֶס הָאט נִישְׁט קֵיין שַׁייכוּת צוּ אוּנְז. קוּם שׁוֹין, נָאר פַאר אֵיין מִינוּט."

"אִיךְ בְּלַייבּ דָא. דוּ קֶענְסְט גֵיין שְׁפִּילְן."

חֶזְקִי הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם שִׁיעוּר, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ כַאפְּן אַ חֵלֶק דֶערְפוּן. "אַלֶעס וָואס מִיר טוּעָן אִין לֶעבְן," הָאט דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר גֶעזָאגְט, "דַארְפְן מִיר אִינְזִין הָאבְן וִויאַזוֹי מִיר קֶענֶען דָאס נִיצְן צוּ טוּן דֶעם רְצוֹן הַשֵּׁם. אֲפִילוּ אַ קִינְד וָואס שְׁפִּילְט זִיךְ בַּיי הַפְסָקָה, קֶען אִינְזִין הָאבְן צוּ מְקָרֵב זַײן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אָדֶער זָאגְן גוּטֶע אוּן פַיינֶע וֶוערְטֶער פַאר זֵיי אִינְמִיטְן דֶעם שְׁפִּיל."

חֶזְקִי הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ זִיךְ אַלֵיין שֶׁעמֶעוְודִיג אוּן גֶעטְרַאכְט: "אִיךְ מוּז זִיכֶער פָאלְגְן דֶעם צַדִּיק. נָאר אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען וֶוערְן אַ בֶּעסֶער קִינְד, אֵיינֶער וָואס בַּאזִיגְט זַײנֶע נִסְיוֹנוֹת. אוּן אָט קוּק, כָאטְשׁ יַעְנְקִי הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אַרוֹיסְצוּגֵיין שְׁפִּילְן, הָאבּ אִיךְ בַּאוִויזְן צוּ בְּלַייבְּן אוּן אוֹיסְהֶערְן דֶעם שִׁיעוּר, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן גָאר אַסַאךְ חִיזּוּק. אִיךְ מֶעג טַאקֶע אוֹיךְ שְׁפִּילְן, אָבֶּער וָואס מֶער אִיךְ וֶועל זִיךְ מְדַבֵּק זַײן אִינֶעם צַדִּיק - דָאס מֵיינְט אוֹיסְהֶערְן אוּן מְקַיֵּים זַײן זַײנֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת, אַלְץ מֶער וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַײן אָנְצוּקוּמֶען צוּ מַיין גְרוֹיסְקַייט אוּן זַײן מֶער בַּאהָאפְטְן צוּם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים."

# א רמז פון רבי שמעון...

ת ט ט    ש ס ש מ ש פ א ת    א כ מ ת

ת ט " ט    ת מ ע    ג ת ב מ

א ש פ א    ת ט ב מ    ט ס כ

ט פ ש ז

אנטדעקט די באהאלטענע ווערטער מיט די הילף פון די א״ת ב״ש סימנים

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| א<br>ת | ב<br>ש | ג<br>ר | ד<br>ק | ה<br>צ | ו<br>פ | ז<br>ע | ח<br>ס |
| ט<br>נ | י<br>מ | כ<br>ל | ל<br>כ | מ<br>י | נ<br>ט | ס<br>ח | ע<br>ז |
| פ<br>ו | צ<br>ה | ק<br>ד | ר<br>ג | ש<br>ב | ת<br>א | | |





## קליינע שטיקלעך פון די תפלה וואס איז גוט צו זאגן לכבוד התנא אלוקי רשב"י לקוטי תפלות ח"ב תפלה מ"ז

רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, עִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָּא נָחִית. הֵיילִיגֶע לִיכְט, גְרוֹיסֶע לִיכְט אוֹיבֶּערְשְׁטֶע לִיכְט. אִיר הֵיילִיגֶער רַבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר אוּנְז אִידְן, אַז דוּרְךְ אַיְיךְ וֶועט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּן אוּנְז אִידְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, וָוארוּם [ווייל] דוּרְךְ אַייעֶר הֵיילִיגֶער 'זֹהַר הַקָּדוֹשׁ' וֶועלְן מִיר אִידְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת, אוּן אֲפִילוּ אִין דֶער שְׁטַארְקֶער 'הַסְתָּרָה', ד.ה. פַארְהוֹילֶעֶנִישׁ אוּן פַארְבָּארְגֶענִישׁ, גָאר אִין דִי לֶעצְטֶע טֶעג 'בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא' אִין מָשִׁיחַ'ס צַייטְן, הָאט אִיר צוּגֶעזָאגְט אַז פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וֶועט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא עַל כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה, וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד, כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ'.

עַל כֵּן בִּין אִיךְ יֶעצְט גֶעקוּמֶען דִיר דָא דֶערְמַאנֶען, הֵיילִיגֶער רַבִּי, רַבּוֹתַי הַקְּדוֹשִׁים, הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, דֶערְבַּארֶעמְט זִיךְ אוֹיף מִיר, אוּן קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָאר דִי שְׁלֶעכְטְץ אוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן פוּן זַייט אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן בִּיז אִיצְט, ... הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט וֶוענְדְן צוּ דָאס אַלֶעס, צוּ אַלֶע פְּגָמִים וְקִלְקוּלִים, אוּן עֶס זָאל אַייךְ אוֹיף מִיר נִישְׁט פַארְדְרִיסְן, נָאר אִיר זָאלְט קְלֶערְן מַחֲשָׁבוֹת אוּן עֵצוֹת פוּן יֶעצְט אָן, אַז אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁטוֹיסְן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן פוּן אַייךְ, וָוארוּם פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז אִיצְט אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין אָפְּהַאלְט מִיר צוּ הֶעלְפְן, אֲפִילוּ אִין דִי צַייט.

הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיט זַיין רַחְמָנוּת וֶועט אַייעֶר תְּפִלָּה אוֹיסְהֶערְן, אוּן אִין אַייעֶר זְכוּת וֶועט עֶר מִיטְהֶעלְפְן מִיר מִיט כָּל יִשְׂרָאֵל, אוּן וֶועט אוּנְז צוּ זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן אִינְגִיכְן בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה, אוּן וֶועט אוּנְז נֶעבְּן זִיךְ הַאלְטְן, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן בְּשׁוּם אוֹפֶן, בִּיז אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּרִיקְקֶערְן זִיךְ צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת, אוּן זַיין וִוי זַיין גוּטֶער ווִילְן, פוּן אִיצְט בִּיז אֵייבִּיג, אוּן בַּיי מַיין לֶעבְּן פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶועןְ, מִיט דֶעם כֹּחַ אוּן אִין זְכוּת פוּן אַלֶע אֱמֶת'ֶע צַדִּיקִים, וָואס נָאר אוֹיף זַיי אַלֵיין בִּין אִיךְ זִיךְ סוֹמֵךְ צוּ רֶעדְן דִי וֶוערְטֶער פַאר זֵיי אוּן פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. דֶער בַּעַל הָרַחֲמִים עֶר וֵוייסְט אַלֶע בַּאהֶעלְטֶענִישְׁן, "הַשֵּׁם יִגְמוֹר בַּעֲדִי, הַשֵּׁם חַסְדְּךָ לְעוֹלָם מַעֲשֵׂי יָדֶיךָ אַל תֶּרֶף. הוֹצִיאָה מִמַּסְגֵּר נַפְשִׁי לְהוֹדוֹת אֶת שְׁמֶךָ, בִּי יַכְתִּירוּ צַדִּיקִים כִּי תִגְמֹל עָלָי".



# סיפורי מעשיות משנים קדמוניות



## מַעֲשֶׂה יא'
## דער 'בֶּן־מֶלֶךְ' און דער 'בֶּן־שִׁפְחָה'

דֶערְנָאךְ אִיז גֶעקוּמֶען דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד – אוּן הָאט צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: אַז עֶר וֶועט זֵיי פִירְן אִין יִשׁוּב אַרַיין!

הָאט עֶר זֵיי גֶעפִירְט אִין יִשׁוּב אַרַיין!

אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי כְּלִי הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – אוּן הָאט זִי גֶעגֶעבְּן צוּ דֶעם אֱמֶת'ן בֶּן־מֶלֶךְ – אוּן הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט: דִי כְּלִי שֶׁענְק אִיךְ דִיר – אוּן מִיט דֶעם (דְהַיְינוּ: מִיט דֶעם קְנֶעכְט וָואס עֶר אִיז פְּרִיעֶר גֶעוֶוען מֶלֶךְ וְכוּ', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]), וֶועסְטוּ וִויסְן וִויאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אִים!

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: וואוּהִין זָאלְן מִיר גֵיין?!

הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ פְּרֶעגְן [נָאכְפְּרֶעגְן] צוּ דֶער מְדִינָה, וָואס זִי הֵייסְט מִיט דֶעם נָאמֶען: דָאס נַארִישֶׁע לַאנְד, אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת!

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: אִין וֶועלְכֶער זַייט זָאלְן מִיר זִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ פְּרֶעגְן [נָאכְפְּרֶעגְן] צוּ דֶער [דָאזִיגֶער] מְדִינָה?!

הָאט עֶר זֵיי גֶעוִויזְן מִיט דֶער הַאנְט: אָט אַהֶער (אַזוֹי־וִוי אֵיינֶער וַוייזְט מִיטְן פִינְגֶער)!

הָאט דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד גֶעזָאגְט צוּ דֶעם אֱמֶת'ן בֶּן־מֶלֶךְ: גֵיי אַהִין צוּ דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] מְדִינָה – אוּן דָארְט וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ דַיין גְדוּלָה [גְרוֹיסְקֵייט]!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען!

וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען – הָאבְּן זֵיי זֵייעֶר גֶעגְלוּסְט: אַז זֵיי זָאלְן גֶעפִינֶען עֶפֶּעס אַ חַיָה, אָדֶער אַ בְּהֵמָה – כְּדֵי זֵיי זָאלְן פְּרוּבְן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] כְּלִי, אוֹיבּ זִי וֶועט קֶענֶען שְׁפִּילְן (כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]).

נָאר זֵיי הָאבְּן נָאךְ [בִּיזְדֶערְוֵייל] קַיין שׁוּם חַיָה נִישְׁט גֶעזֶעהְן.

דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי מֶער אִין יִשׁוּב אַרַיינְגֶעקוּמֶען – הָאבְּן זֵיי גֶעפוּנֶען עֶפֶּעס אַ בְּהֵמָה – הָאבְּן זֵיי אוֹיף אִיר אַנִידֶערְגֶעלֵייגְט דִי כְּלִי – הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁפִּילְן דֶעם נִיגוּן (כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

זֶענֶען זֵיי אַזוֹי גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען – בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען [אָנְגֶעקוּמֶען] צוּ דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] מְדִינָה!

אוּן [בַּיי] דִי מְדִינָה – אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹיעֶר אַרוּם אִיר – אוּן מְ'הָאט אִין דֶער מְדִינָה נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין, נָאר מִיט אֵיין טוֹיעֶר.

מוּז מֶען [אוּן מֶען מוּז] אַרוּמְגֵיין כַּמָה מַייל, בִּיז מֶען קוּמְט צוּם טוֹיעֶר.

זֶענֶען זֵיי אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען – בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם טוֹיעֶר!

אַז [וֶוען] זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען צוּם טוֹיעֶר – הָאט מֶען זֵיי נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְלָאזְן –

בַּאֲשֶׁר [וַוייל אַזוֹי־וִוי] דֶער מֶלֶךְ פוּן דֶער מְדִינָה אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן – אִיז גֶעבְּלִיבְּן דֶער בֶּן־מֶלֶךְ – הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעלָאזְט צַוָואָה:

בַּאֲשֶׁר בִּיז אַהֶער [אַזוֹי־וִוי בִּיז יֶעצְט] הָאט מֶען גֶערוּפְן דִי מְדִינָה: דָאס נַארִישֶׁע לַאנְד, אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת – הַיינְט זָאל מֶען זִי שׁוֹין רוּפְן פַארְקֶערְט: דָאס קְלוּגֶע לַאנְד, אוּן דֶער נַארִישֶׁער מַלְכוּת – אוּן וֶוער ס׳וֶועט זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען: אַז עֶר זָאל [וֶועט] אוּמְקֶערְן צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטְן נָאמֶען, דְהַיְינוּ: אַז מְ׳זָאל וִוידֶער רוּפְן דִי מְדִינָה מִיט דֶעם עֶרְשְׁטְן נָאמֶען: דָאס נַארִישֶׁע לַאנְד, אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת – זָאל דֶער דָאזִיגֶער מֶלֶךְ וֶוערְן!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] לָאזְט מֶען קַיין שׁוּם מֶענְטְשְׁן נִישְׁט אַרַיין אִין דֶער מְדִינָה – סַיידְן דֶער וָואס עֶר וֶועט זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען דָאס דָאזִיגֶע – אַז עֶר זָאל [וֶועט] אוּמְקֶערְן [צוּ] דֶער מְדִינָה, דֶעם עֶרְשְׁטְן נָאמֶען!

הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: קֶענְסְטוּ דִיךְ דָאס אוּנְטֶערְנֶעמֶען, אַז דוּ זָאלְסְט [צוּ] דֶער מְדִינָה אוּמְקֶערְן דֶעם עֶרְשְׁטְן נָאמֶען?!

הָאט עֶר זִיךְ בְּוַודַאי נִישְׁט גֶעקֶענְט דָאס אוּנְטֶערְנֶעמֶען. הָאבְּן זַיי [דֶערִיבֶּער] נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין.

הָאט אִים דֶער קְנֶעכְט אָנְגֶערֶעדְט: אַז זַיי זָאלְן זִיךְ אוּמְקֶערְן אַהֵיים! נָאר עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אוּמְקֶערְן זִיךְ – וָוארְן דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד הָאט אִים גֶעזָאגְט: אַז עֶר זָאל גֵיין צוּ דֶער [דָאזִיגֶער] מְדִינָה, אוּן דָארְט וֶועט עֶר קוּמֶען צוּ זַיין גְדוּלָּה!

דֶערְוַוייל אִיז אַהִין אָנְגֶעקוּמֶען נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ, וָואס עֶר הָאט גֶערִיטְן אוֹיף אַ פֶערְד – אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין – הָאט מֶען אִים אוֹיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרַיין, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם (כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

דֶערְוַוייל הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן: [אַז] ס׳שְׁטֵייט דָאס פֶערְד פוּן יֶענֶעם מֶענְטְשְׁן – אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶענוּמֶען דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] כְּלִי, אוּן הָאט זִי אַנִידֶערְגֶעלֵייגְט אוֹיף דֶעם פֶערְד – הָאט עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁפִּילְן דֶעם זֵייעֶר וואוֹילְן [וואוּנְדֶערְלִיכְן] נִיגוּן (כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

הָאט אִים דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן: אַז עֶר זָאל אִים [דָאס] פַארְקוֹיפְן!

אוּן עֶר הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: וָואס קֶענְסְטוּ מִיר גֶעבְּן, פַאר אַזוֹי אַ [אַזַא] וואוּנְדֶערְלִיכֶע כְּלִי?! הָאט דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד צוּ אִים גֶעזָאגְט:

וָואס קֶענְסְטוּ דֶען טָאן מִיט דֶער [דָאזִיגֶער] כְּלִי? – נָאר דוּ וֶועסְט [קֶענְסְט] מַאכְן מִיט אִיר אַ קָאמֶעדְיֶע [שְׁפִּיל], אוּן דוּ וֶועסְט נֶעמֶען [בַּאקוּמֶען] אַ גִילְדְן!

אִיךְ קֶען אָבֶּער אַ זַאךְ – וָואס סָאִיז בֶּעסֶער פוּן דַיין כְּלִי – אִיךְ וֵוייס אַ זַאךְ, וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְנְס־עֶלְטֶערְן: – אַז מְזָאל זַיין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר! – דְהַיְינוּ: אִיךְ וֵוייס אַזוֹי אַ [אַזַא] זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְנְס־עֶלְטֶערְן – וָואס דוּרְךְ דֶער [דָאזִיגֶער] זַאךְ, קֶען מֶען זַיין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר (מְזָאל פַארְשְׁטֵיין אֵיין זַאךְ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַאךְ).

אַז [וֶוען] אֵיינֶער רֶעדְט עֶפֶּעס אַ [פָּשׁוּטְן] וָוארְט – קֶען מֶען דוּרְכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען – אַז מְזָאל פַאְרשְׁטֵיין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר (דְהַיְינוּ: אֵיין זַאךְ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער)!

אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ דִי [דָאזִיגֶע] זַאךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט, פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשְׁן אִין דֶער וֶועלְט.

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער], וֶועל אִיךְ דִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי דָאזִיגֶע זַאךְ – אוּן דוּ וֶועסְט מִיר גֶעבְּן דִי דָאזִיגֶע כְּלִי דֶערְפַאר!

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶועזְן (דְהַיְינוּ: דֶער אֱמֶת׳ער בֶּן־מֶלֶךְ, וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט דִי כְּלִי):

[אַז] סְ׳אִיז אַ אֱמֶת [בֶּאֱמֶת] אַ גְרוֹיס חִידוּשׁ אַז מְזָאל זַיין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר!

הָאט עֶר אִים אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דִי כְּלִי!

אוּן עֶר (דְהַיְינוּ: דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד) אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט עֶר זָאל זַיין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר!

אוּן דֶער אֱמֶת׳ער בֶּן־מֶלֶךְ – מַחֲמַת [וַוייל] עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר – אִיז עֶר דָארְט אוּמְגֶעגַאנְגֶען בַּיי דֶעם טוֹיעֶר פוּן דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] מְדִינָה – אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען: אַז סְ׳אִיז יָא גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ], אַז עֶר זָאל זִיךְ דָאס אוּנְטֶערְנֶעמֶען, אַז עֶר זָאל [וֶועט] אוּמְקֶערְן צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטְן נָאמֶען! – וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען: אַז סְ׳אִיז גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ]!

כָאטְשֶׁע עֶר הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִויאַזוֹי, וִוירְמֶער [אוֹיף וֶועלְכְן אוֹפָן] וֶועט עֶר דָאס קֶענֶען, אַז עֶר זָאל [וֶועט] אוּמְקֶערְן דֶעם עֶרְשְׁטְן נָאמֶען צוּ דֶער מְדִינָה – נָאר פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט, וַוייל עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר – הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען: אַז סְ׳אִיז גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ]!



## מזל טוב
## פאר אלע חאלאקע קינדער

**אין זכות פון התנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי זאלן ענק זוכה זיין צו זיין ערליכע אידישע קינדער און אייערע עלטערן זאלן האבן פון אייך אסאך נחת דקדושה**

# כי לא תשכח מפי זרעו

נאמען: ______________



# לאמיר זיך פארהערן

## די עלוּוטע מעשה - דער בן מלך און דער בן שפחה (6)

**א. פארוועמען האט דער מענטש פון וואלד געגעבן די כלי, ווען ער האט זיי געטראגן אין ישוב?**
- ❑ פאר דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ פאר דער אמת'ער בן המלך
- ❑ פארביידע צו זאמען

**ב. צו וועלכע מדינה האט זיי דער מענטש פון וואלד געזאגט צו גיין?**
- ❑ וואס רופט זיך דאס נארישע לאנד און קלוגער מלכות
- ❑ וואס רופט זיך דאס קלוגע לאנד און נארישער מלכות
- ❑ וואס רופט זיך דאס נארישע לאנד און פארשטענדליכער מלכות

**ג. פארוועמען האט דער מענטש פון וואלד געזאגט אז אין יענע מדינה וועט ער קומען צו זיין גדולה?**
- ❑ צו דער אמת'ער בן המלך
- ❑ צו דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ צו ביידע

**ד. וואס איז געווען ארום דער לאנד?**
- ❑ א מויער (חומה)
- ❑ שומרים
- ❑ א ים

**ה. מ'האט ארײן געלאזט אין די לאנד- נאר ווער עס וועט זיך אונטער נעמען אז מ'זאל צוריק רופן די מדינה...?**
- ❑ די נארישע לאנד און קלוגער מלכות
- ❑ די קלוגע לאנד און נארישער מלכות
- ❑ די נארישע לאנד און פארשטענדליכער מלכות

**ו. וואס האט אים דער מענטש פונעם פערד געגעבן פאר די כלי?**
- ❑ גאלד און זילבער
- ❑ ער האט אים געלערנט צו זיין א מבין דבר מתוך דבר
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וואס האט דער אמת'ער בן המלך פארשטאנען נאכדעם וואס ער איז געווארען א מבין דבר מתוך דבר?**
- ❑ ער האט פארשטאנען אז ער וועט נישט קענען צוריק קערן פאר די מדינה די ערשטע נאמען "די נארישע לאנד און קלוגער מלכות"
- ❑ ער האט פארשטאנען ווי אזוי ער וועט קענען צוריק קערן פאר די מדינה די נאמען
- ❑ ער האט פארשטאנען אז ער וועט קענען צוריק קערן פאר די מדינה די נאמען –כאטש ער ווייסט נישט וויאזוי

**ח. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ איינמאל
- ❑ צוויימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

פון וועמען האט מקבל געווען דער מענטש פון די פערד צו זיין א מבין דבר מתוך דבר ?

פון וועמען האט מקבל געווען דער מענטש פון דער וואלד די כלי וואס שפילט דער

ניגון ? (וואס מיר האבן געלערנט פאריגע וואך)

וויפיל מאל שטייט אין די מעשה "מבין (פארשטייט) דבר מתוך דבר" ?

וויפיל מענטשן וועלכע זענען געשטאנען ביים טויער פון די מדינה זענען געווען א מבין דבר מתוך דבר ?

**תשובות איף די מעשה פון דער בן מלך און דער בן שפחה (5)**

דער בן מלך האט געזאגט אדער געטראכט די ווערטער: "איך וועל שוין וויסן ווי אזוי זיך צו פירן מיט דיר" ? געטראכט

**דער גורל איף בן המלך ובן השפחה 5 וועט זיין קומענדיגע וואך בעז"ה**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# אַזוֹי וֶועסְטוּ גְרוֹיס וֶוערְן




דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִין דִי מַעֲשֶׂה: דֶער וַואלְד-מֶענְטְשׁ הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַ כֵּלִי פַּארְ'ן אֱמֶתְ'ן בֶּן מֶלֶךְ אוּן אִים גֶעפִירְט צוּ אַ יִשׁוּב. עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַּארְ'ן בֶּן מֶלֶךְ: "מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ (דֶער קְנֶעכְט), וֶועסְטוּ לֶערְנֶען וִויאַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן." עֶר הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעהֵייסְן נָאכְפְרֶעגְן אִיבֶּער אַ לַאנְד וָואס רוּפְט זִיךְ, "דִי נַארִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת." עֶר הָאט נָאךְ צוּגֶעלֵייגְט: "גֵיי צוּ יֶענֶע מְדִינָה, אוּן דָארְט וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען צוּ דַיין גְרוֹיסְקַייט."

זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג. יֶענֶע מְדִינָה אִיז גֶעוֶוען אַרוּמְגֶערִינְגְלְט מִיט אַ הוֹיכְן מוֹיֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט גֵיין עֶטְלִיכֶע מַייל אַרוּם אוּן אַרוּם כְּדֵי עֶס אַרוּמְצוּקְרַייזְן. וֶוען זֵיי זֶענֶען עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּם טוֹיעֶר, הָאט מֶען זֵיי נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרַיינְגֵיין. דֶער קְנֶעכְט הָאט פְּרוּבִּירְט אִיבֶּערְצוּרֶעדְן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ אַז מְ'זָאל צוּרִיק גֵיין אַהֵיים, אָבֶּער דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זִיךְ גֶעעַקְשְׁנְ'ט אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט, וַוייל עֶר הָאט גֶעדֶענְקְט וָואס דֶער וַואלְד-מֶענְטְשׁ הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט, אַז פּוּנְקְט דָארְט אִין יֶענֶע מְדִינָה וֶועט עֶר טְרֶעפְן זַיין גְרוֹיסְקַייט.

נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי כֵּלִי פַּאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶערִיטְן אוֹיפְ'ן פֶערְד, אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ גֶעוָוארְן אַ "מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר" אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעזֶען אַז עֶר דַארְף זִיךְ אָנְגַארְטְלֶען צוּרִיקְצוּגֶעבְּן פַּארְ'ן לַאנְד אִיר עֶרְשְׁטֶע נָאמֶען.

פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ'ס עַקְשָׁנוּת קֶען מֶען לֶערְנֶען וָואס פַּאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲלֶה דָאס אִיז פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס פָּאלְגְט אַ צַדִיק אוּן הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק קֶעגְן אַלֶע וָואס פְּרוּבִּירְן אִים אָפְּצוּשְׁוַואכְן אָדֶער מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן זַיינֶע גוּטֶע רְצוֹנוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת. טַאקֶע אִין דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ גֶעהַאט אַסַאךְ שְׁוֶועריִגְקַייטְן בִּיז עֶר הָאט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אִין לַאנְד, אוּן דֶער קְנֶעכְט הָאט אִים אֲפִילוּ גֶעוָואלְט אִיבֶּערְרֶעדְן עֶר זָאל אוֹיפְגֶעבְּן אוּן צוּרִיקְגֵיין אַהֵיים. אָבֶּער מִיט זַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִינֶעם צַדִיק וָואס הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט דָארְט מַצְלִיחַ זַיין, אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן פֶּעסְט בַּיי זַיין מֵיינוּנְג אוּן גֶעגְלֵייבְּט, אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעזֶען דִי יְשׁוּעָה פַּאר דִי אוֹיגְן.

נָאכְ'ן קִידוּשׁ שַׁבָּת אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער אַרוֹיס שְׁפִּילְן אִינְדְרוֹיסְן. אָבֶּער חֶזְקִי אִיז גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן צוּזַאמֶען מִיט דִי אַנְדֶערֶע מִתְפַּלְלִים צוּ הֶערְן אַ שִׁיעוּר אִין "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת". עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן פָּנִים פוּנֶעם מַגִּיד שִׁיעוּר אוּן אוֹיסְגֶעהֶערְט יֶעדֶע וָוארְט מִיט גְרוֹיס אִינְטֶערֶעסֶע.

פְּלוּצְלִינְג הָאט מֶען גֶעהֶערְט אַ קְלַאפּ בַּיי דִי טִיר. יַעְנְקִי אִיז אַרַיינְגֶעלָאפְן אָן קֵיין אָטֶעם אוּן גֶעשֶׁעפְּשֶׁעט צוּ חֶזְקִי: "קוּם שׁוֹין אַרוֹיס שְׁפִּילְן מִיט אוּנְז. אִיךְ וִויל דִיךְ הָאבְּן אִין מַיין קְבוּצָה. מִיר הַאלְטְן שׁוֹין בַּיים אָנְהֵייבְּן, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי

המשך אויף זייט 9

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר מרדכי יצחק קרויז הי"ו
לרגל הולדת הנכד למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יעקב דוד ראטענברג הי"ו
לרגל הולדת הנכד למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אלימלך קרויז הי"ו
לרגל הולדת הבן למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יחיאל הירש הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב